זייטן [illegible]

Radom, dnia 20 LIST. 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג י' כסלו תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייזן:
איין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 25 „
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
„ אין טעקסט 4

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

דער חשוב'ער פאמיליע שטיינבאַך
צום תנאים שרייבען פון זייער ליבען זוהן
בערנאַרד מיט פרייל ראָניאַ גאָלדצמאַן (אויס קאָמצעל)
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב
איהר זאָלט פון זיי האָבען פיעל נחת.
משה פעלדמאַן און פרוי.

Z okazji zaręczyn
p. Felicji Djament z p. Emilem Grosfeldem
życzymy blask szczęścia w przyszłości na nowym pożyciu
**Kormanówna, Hirszenhorn, Bergman.**

צו דער פערלאָבונג
פון אונזער זוהן און ברודער
עזריאל גראָספעלד מיט פרל. פעלא דיאַמענט
ווינשען מיר, אז ליבע און גליק
זאָלען זיין זייערע אייביגע לעבענ'ס-בעגלייטער
פאָטער אברהם גראָספעלד,
שוועסטער און שוואגער גאָלדפאַרב,
שוועסטער און שוואגער צוקערמאַן
ברודער און שוועגערין גראָספעלד
און קוזין מאַניעק גראָספעלד.

א הארציגען מזל-טוב דער פאַמיליע
קאַץ צו דער האָכצייט פון
זייער ליבע טאָכטער רוזשע מיט ה'
איזאַק אייזערנער
פאַמיליע שאַפּיר.

א הערצליכען גליקווינש
מיין פריינדין
רוזשע קאַץ
צו איהר חתונה מיט ה'
איזאַק אייזערנער
מאַקס שאַפּיר

Biuro Próśb,
Odwołań i windykacji p. f. „REKORD"
**RADOM, ul. Rwańska Nr. 21** I p.
**załatwia następujące sprawy:**
**Podania, skargi i opozycje** do sądów, do władz administracyjnych, wojskowych i do wszystkich urzędów państwowych i komunalnych,
**Odwołania** do urzędów i izb skarbowych, wszelkiego rodzaju umowy i kontrakty, patenty, jak również sprawy paszportowe;
**Windykację** należności otwartych i za protestowanych weksli zarówno miejscowe, jak i z całej Polski.
**Korespondencję** handlową w języku polskim i w obcych językach.
Zakłada buchalterję i sporządza bilanse.
Przepisuje na maszynach wszelkie dokumenty.




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927r.**
General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski
DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE
ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

# Dr. S. HERTZ
אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף לובלינער 34 — (פראָנט, I שטאָק.)

# קעלצער אבטיילונג.

## מחלוקה צוליב דער גבאות-פראגע אין דער שטאָדט-שוהל

אין דער שטאָדט - שוהל איז פאָרי-גען שבת אויסגעבראָכען אַ שאַרפע מח-לוקה צוליב דער גבאות-פראגע.

דער „אהי-עזר" קאָמיטעט, וואָס רע-כענט זיך אַלס דער פאַקטישער בעל-הבית פון דער שוהל האָט דעלעגירט אַ צייטווייליגען גבאי אויף 6 וואָכען כדי צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון גבאים-קאָמיטעט. היות ווי דער דאָ-זיגער בעשלוס איז אנגענומען געוואָרען אָהן דער הסכמה פון שוהל - קאָמיטעט, האָבען די מתפללים שבת נישט דער-לאָזט דעם אחי-עזר דעלעגירטען צו פערטיילען די עליות.

עס איז אויסגעבראָכען אַ סקאַנדאַל בעת וועלכען די מתפללים און די מיט-גלידער פון „אחי-אזר" קאָמיטעט האָבען זיך געגענזייטיג בעליידיגט.

עס איז געוואונשען, אַז דער ענין זאָל וואס גיכער ערלעדיגט ווערען בכדי עס זאָל נישט קומען צו אַזעלכע הצע-געס ווי פאָריגען שבת אין שוהל.

## פערבאָטען דער קהלה-פערוואַלטונג זיך צו פער-נעמען מיט ענינים, וואָס אינטערעליגען נישט איהר קאָמפּעטענץ.

די קהלה-פערוואלטונג האָט זיינער צייט בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום ראַטמאַנער-קלוב, וועגען אינטערווענירען צוזאַמען, אַז דער העברעישער אויפ-שריפט פון אנטיסעמיטישען אדוואָקאַט גושעגאושעווסקי אויף דער מאַרשאַל-קאָווסקא גאַס, זאָל בעזייטיגט ווערען. וועגען דאָזיגען בעשלוס האָט די פערוואַלטונג געמאָלדען דער סטאַראָס-טווע. היינטיגע וואָך האָט די קהלה בע-קומען אַ בריעף פון סטאַראָסטווע, אַז לויט'ן פאַראַג. 3 פון לעצטען קהלות-געזעץ איז פערבאָטען דער קהלה זיך צו פערנעמען מיט פראגען, וואס אינטער-ליגען נישט איהר קאָמפּעטענץ.

## א אויטא-פּאַרפּאַל

מיטוואָך 8 פריה איז אויף דער אוי-טאָבוסען סטאַציע געשעהען אַ שרעקלי-כער פּאַרכאַל.

דער אויטאָ פון קאָנסטאַנטשאַק, וואס קורסירט קיעלץ-וואַרשא האָט ביים אָב-פאָהרען געגעבען אַ שטויס דעם 17-יעה-ריגען שלמה דוד זיעלאָני פון פינטשאָוו און איהם שווער פערוואונדעט אין קאָפּ.

## א שרעקליכער מאָרד

אונטער קיעלץ. אין דאָרף גאַדלין, איז פאָריגע וואָך געשעהען אַ שרעקלי-כער מאָרד.

דער דאָרטיגער איינוואָהנער יאַן סטאַ-גאָלסקי האָט מיט אַ רעוואָלווער דער-שאָסען זיין שכן עדוואַרד גוראַל און זיינע 2 מינדעריעהריגע קינדער.

דער מאָרד איז געווען אַ נקמה-אקט דערפאַר, ווייל גוראַל האָט זיך אָבגע-זאָגט צו בעצאָהלען דעם מערדער אַ חוב פון 300 זל.

## אלעבענס - טראַגעדיע, וואָס האָט דערפיהרט צו זעלבסטמאָרד.

נעכטען איז אין סוכעדניוו (קעלצער קרייז) בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, דורך שיסען זיך, דער עקזעקוטאָר פון דאָר-טיגען גמינע-אמט, אלעקסאַנדער סערעק.

סערעק האָט זייט אַ לענגערע צייט געפיהרט אַ ליבע מיט נאטאליא שוויאַנ-טקאָוויטש, אַ טאָכטער פון אַ רייכען סוכעדניאָווער קריסט. מיט 3 טעג צוריק איז סערעק אָבגעזאָגט געוואָרען . פון זיין אמט. דער פאָטער פון דער שוויאַנט-קאָוויטש האָט דאַן ערקלערט, אַז ער וועט נישט דערלאָזען צו אַ חתונה אויב דער חתן וועט זיך נישט בעמיהען צו דיך צו בעקומען דעם אמט.

דאָס איז אָבער געווען אונמעגליך סערעק האָט זיך גענומען דעם גאַנצען ענין צום האַרצען און ער איז בעגאַנ-גען זעלבסטמאָרד.

## וואָס יעדער סוחר און האַנדווערקער דאַרף וויסען?

### א פּאָדאַטעק פון מעהל

גאָר אינגיכען געהט די רעגירונג איינפיהרען אַ נייעם פּאָדאַטעק, וואָס מ'וועט נעמען ספּעיעל פון מעהל.

פון יעדען קילאָ מעהל וועט גענו-מען ווערען אַ האַלבען גראָשען קאָנ-סומציע פּאָדאַטעק, אין פינאַנץ-מיניס-טעריום ווערט נאָך בעהאַנדעלט די פראגע ווער עס זאָל צאָהלען דעם דאָ-זיגען שטייער. צי זאָל מען איהם איינ-קאַסירען פון די מילען, אָדער דורך די די בעקערייען אין געוועלבער.

די הכנסה פון'ם דאָזיגען קאָנסומ-ציע שטייער זענען בעשטימט אויף צו דעקען די ריזיגע אויסגאַבען, וואָס די רעגירונג גיט אויס אויף די עקספּאָרט פרעמיעס פון תבואה.

### מעהל-סוחרים

סוחרים, וואָס האַנדלען מיט מעהל און האָבען געצאָהלט ביז איצט נישט מעהר ווי אַ האַלב פּראָצענט אויב זיי האָבען געפיהרט האַנדעלס-ביכער, און בלויז איין פּראָצענט אויב אָהן ביכער. די מיל ווידער האָט געצאָהלט אומזאַץ-שטייער נאָך פון דעם לוין-געלד פאַר מאָלען,

דער נאָוועליזירטער אוסטאַוו פיהרט איין, אַז אַזעלכע סוחרים, וואָס לאָזען מאָלען זייער תבואה, וועלען מוזען צאָהלען איינס פּראָצענט אפילו ווען זיי פיהרען האַנדעלס ביכער.

### לעדער-סוחרים

דאָס זעלבע וועט איצט זיין מיט לעדער-סוחרים, וואָס האָבען ביז איצט אויפגעקויפט רויה פעל און געלאָזט אויסאַרבייטען פערטיגע לעדער. ביז איצט האָבען הורטאָווניקעס מיט האַנ-דעלס-ביכער געצאָהלט פון די לעדער 1 פּראָצענט און די גאַרבעריי האָט גע-צאָהלט אומזאַץ-שטייער פון אַרבייטס-לוין. איצט וועט דער לעדער-הורטאָוו-ניק אפילו מיט די האַנדעלס-ביכער מו-זען צאָהלען פאַר אויסגעאַרבייטע לע-דער פון אייגענע רויהע פעל 2 פּראָ-צענט,

### שטייער-הנחה פאַר בעקער

אלע בעקער, וואָס האָבען האַנדווער-קער-קאַרטען, וועלען צאָהלען אומזאַץ-שטייער נאָר איינס פּראָצענט. דאָס יעט חל זיין שוין פון 1-טען יאַנואַר 1932. סזעלבע וועלען צאָהלען איינס פּראָצענט די בעקער-געוועלבער וואָס געהערען צום בעקער.

דאַנקען בעקערס, וואָס האָבען נים קיין האַנדווערקער קאַרטען וועלען ווייטער צאָהלען 2 פּראָצענט.

די זעלבע הנחה ווערט איינגעפיהרט פאַר אנדערע וואַרשטאַטען פון שפּייז-אַרטיקלען וואָס האָבען האַנדווערקער-קאַרטען.

### אלע האַנדווערקער

וועלכע האָבען האַנדווערקער-קאַרטען, וועלען צאָהלען פון 1-טען יאַנואַר 1932 צו אנדערהאַלבען פּראָצענט און פון 1-טען יאַנואַר 1933 וועלען זיי צאָהלען 2 פּראָצ. די, וואָס האָבען נישט קיין האַנדווערקער-קאַרטען וועלען ווייטער צאָהלען 2 פּראָצענט.

### אָפּגעשאַפט די הנחה פאַר האַנדווערקער

האַנדווערקער, וואָס אַרבייטען מיט דער הילף פון איין אַרבייטער, אפילו מיט דער הילף פון אַ אייגענעם זוהן אָדער טאָכטער, וועלען פון 1-טען יאַנו-אַר שוין מוזען צאָהלען אומזאַץ שטיי-ער. ביז איצט זענען זיי געווען בע-פרייט. פון איצט אָן וועלען פון אומ-זאַץ-שטייער זיין פריי נאָר אַזעלכע האַנדווערקער, וואָס אַרבייטען גענצליך אליין אָהן שום מיטהעלפער.

### וועגען מעלדען ליקווידירטע ווערקשטעלן

מיר מאַכען אויפמערקזאַם, דאָס אין פאַל פון ליקווידאַציע פון אַ ווערק-שטעל מוז מען מעלדען אין שטייער-אַמט און מאַגיסטראַט, פאַר נישט מעל-פאַר נישט מעלדען דראָהט אַ שטראָף ביז 1000 זל.

### וועגן ליציטאַציעס פון פרעמד אייגענטום

דאָס העכסטע געריכט האָט אַרויס-געגעבען אַ דעציזיע, דאָס מען טאָר נישט סעקוועסטרירען און פערקויפען פאַר שטייערען פרעמד אייגענטום, ווי סחורה און מאַשינען, אַזעלכע ווערען זאָגאַר בענוצט דורך דעם שטייער-צאָהלער און געפונען זיך ביי איהם אין לאָקאַל. ביי אַזעלכע פאַלען מוז מען זאָפאָרט מעלדען אין דער קאַנ-צעלאַריע פון האַנדווערקער-פערבאַנד

## ווען וועלען די ניי-געוועהלטע פּרנסים איבערנעמען די קהלה

אין אָנהויב זומער זענען פאָרגעקומען די וואַהלען פון דער קהלה און ביז'ן היינטיגען טאָג איז דער נייער ראט מיט דער פערוואַלטונג נאָך נישט טהעטיג.

ווי מען הערט זאָל דער ענין פון בעזעצען די פּרעזעסען-בענקלען ענדליך ערלעדיגט ווערען אין דעם ערשטען גרודזיען זאָל די נייע קה"ה אָנהייבען פונקציאָנירען.




Gabinet kosmetyczny

F. GOLSZTAJNÓWNY

zostal otwarty

Wszelkie zabiegi

wchodzące w zakres racjonalnej kosmetyki.

PIŁSUDSKIEGO 13 m. 6.

GAZOWNIA

MIEJSKA

פערקויפט

הורט און דעטייל

פּרעפּאַרירטע סמאָלע — קארבאָלינעאום

גראָבען און דראָבנען קאָקס

צו זעהר ביליגע פרייזען

פיהרט אויס

גאז-אינסטאלאציעס און הויז בעלייכטונג

באָד אייוועלער

קיכלעך צו קאָכען

אייוועלעך צו הייצען

ווענדען בעדארף מען זיך

Gazownia Miejska

Młodzianów — Tel. 1134, — Skrz. p. 28.

### בעקאַנטמאַכונג.

די געזעלשאַפט „לינת הצדק" מאכט בעקאנט די ראדאָמער יודישער בעפעלקערונג. אז זונטאג דעם 6 דעצעמבער (גרודזיען) ל. י. ב. חנוכה 6 אזייגער אָווענד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל (רווינסקא 1)

**די ציהונג פון דער פאנטעז-לאָטריע**

איינגעאָרדענט דורך דער א. ד. גמזעל.

דערביי ווערט געמאָלדען, אז די, וועלכע חילען גענוסען פון דער לאָטעריע און האָבען נאָך נישט איינגעצאָהלט פאר די בילעטען, אז זיי מוזען פאר אזעלכע איינצאָהלען אין לאָקאל פון דער געזעלשאַפט שפּעטסטענס ביז'ן 3 גרודזיען. אין געגענפאל וועלען זייערע בילעטען אנולירט ווערען. גלייכצייטיג ווערט געמאָלדען, אז דער טערמין פון דער ציהונג איז שוין א ענטגילטיגער.

מיט כבוד

פערוו. „לינת-הצדק" ראדאָם.

אכטונג!!!

די נייעסטע פאַסאָנען — מעבעל פון פאָלגענדע מאַטעריאַלען:

ווענגערסקע יעשאָן, זלאָטאָ בוקאָוע, פּיראַמידען, זשעברא, מאָכאן און יעשאָן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאָס אלעס ווערט אויסגעפערטיגט ביי דער פירמע קליין, זשעראָמסקי 26

Kino Dzwiękowe „NOWE CZARY"

פון מיטוואָך דעם 18-טען ה. ח.

ווערט דעמאָנסטרירט דאָס בעריהמטע בילד

א. „Sewilla Miasto Miłości"

מיט'ן אנטהייל פונ'ם בעליבטען פילם-ארטיסט

RAMON NOWARRO

איבערן פּראָגראַם: הערליכע קלאנג דאָדאַשקעס

Kino Corso Rewja w Radomiu

פון דאָנערשטאָג דעם 19-טען ה. ח. ווערט דעמאָנסטרירט

— — דאָס בילד — —

Lady Hamilton

מיטן אנטייל

פון די בעקאַנטע אַרטיסטען

Liana Haid

i Konrad Veidt

Na Scenie

Tylko za Gotówką

און 10 הערליכע נומערן

אונטער די לייטונג

F. Kalinowski.

### וואַרנונג.

איך בין מזהיר דעם לאָקאטאָר ה' מאטיל ראדאָמסקי פון שפּאציר גאַס 24 ער זאָל ערלעדיגען דאָס דירה-געלר מיט פאַרשידענע צוגאָב-קאָסטען פאר איין און א האַלב יאָהר. אויבוואָהל איך האָב איהם שוין געשיקט א התראת בית-דין און זאָגאר ארויסבעקומען שוין אויף איהם א עקסמיסיע. יעדאָך וועלענדיג אויסמיידען יעדען פּתחון-פה גיב איך איהם די לעצטע התראה פאָר דער עפענטליכקייט באם ער וועט נישט ערלעדיגען דאָס וואָס קומט ביי איהם ביז דעם 1ען גרודזיען וועל איך זיין געצוואונגען אויסציפיהרען די עקספּיסיע.

מיט אַכטונג

בנימין הורוויץ.

Redaktor CH. M. HERC

Druk Wyd. „Radomer-Kielcer Leben, Radom, Sawarlikowska 20